שנה ד'
גליון ס"ט

וישב-מקץ
תשפ"ה לפ"ק

פאפא

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'

**מדור שיחות קודש** — א

בתוכן:

האדמו"ר ר"י מסקולען אצל רבותינו הק' / **התקשרות האדמו"ר מסקולען אל ספה"ק ערוגת הבשם** / שגב קדושת ספר הק' ערוגת הבשם / **הנועם אליעזר עם רבותינו הק'** / מכבדו בחייו מכבדו במותו / **עבודת ה' בשמחה** / משכהו לבית המדרש / **מרן מבעלזא זי"ע בשנות הזעם** / חכמה לקיים התמים תהיה עם ה' / **וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה** / לא לקבל תמיכה ממחלל שבת / **אמונה בהשגחה פרטית** / מצב השורר בעולם / **ועוד**

**מדור דברות קודש** — יא

בתוכן:

**ברוך אלקינו שבראנו לכבודו** / הכרת הטוב לעסקנים / **הכרת טוב לנשמות** / ולישרי לב שמחה / **נעשה כמעיין המתגבר** / אנא נפשי כתבית יהבית / **במעלת מפעל הלימוד והגית** / תפלת אבות על הבנים / **תפלות בתוך הריקודים** / כח שמחה של הרבים / **והשיב לב אבות על בנים** / מנהג אחילת גוט שבת אצל חתונה / **ועוד**

דברות קודש במקהלות אלפי חסידי פאפא
**אצל חגיגת יובל העשור להתייסדות מפעל והגית**
יום א' תולדות תשפ"ה לפ"ק

**מדור חסידים דערציילן** — כא

הוא היה אומר / **בניהם כל יודע מבין** / ח' נרות חנוכה / **אוזן שומעת** / גניבת דברי תורה / **חביבות הנגינה** / בתוך עמי אנכי יושבת

### שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת **ניחום אבלים אצל משפחת גיסו להבחל"ח כ"ק האדמו"ר מסקולען זצ"ל**

**יום ד' כי תצא תשפ"ד לפ"ק**

**בנו האדמו"ר מסקולען**: דער טאטע האט דאך געהאט אזא שטארקע קשר צום רבי'ן שליט"א, ער פלעגט אלץ אריינקומען צום רבי'ן. אויך פלעגט דער טאטע אלץ רעדן אז ער האט נאך אריינגעכאפט א 'לשנה טובה' ראש השנה ביינאכט ביי כ"ק מרן זצוק"ל, און דער רבי ז"ל האט געזאגט א ווארט אויפ'ן לשון 'לשנה טובה ומתוקה', אז ס'איז לכאורה א דאפלטע לשון, נאר פשט איז אז אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז דאך גוט, און מ'איז מתפלל אז ס'זאל אויך זיין זיס. דער טאטע פלעגט אלץ רעדן פון דעם ווארט, ער האט עס מורא'דיג מחשיב געווען.

די לעצטע יאר תשמ"ד ווען דער רבי ז"ל איז געווען אויף שבת אין מאנטרעאל, האט אונז דער טאטע גענומען צום טיש, האב איך דעמאלטס אויך אריינגעכאפט.

דער קשר איז אלץ געווען בלב ונפש, אפגערעדט פון די ספרי ערוגת הבשם וואס ער האט אזוי געקאכט דערין, אזוי אויך די אנדערע פאפא ספרים.

**וחסידים ברנה יגילו!**
אלפי חסידי פאפא בשמחה וחדוה עילאה לקראת די היסטארישע שמחה הגדולה בבית חיינו די בר מצוה פונעם רבינ'ס עלטסטע אור אייניקל
מוצשב"ק ויחי תשפ"ה הבעל"ט - פאלגט נאך דעטאלן - הנה זה בא!

**בנו האדמו"ר מסקולען-לינדען**: ווען מיין טאטע האט איבערגענומען, האבן די סקולענע אידן געשמועסט אז ס'איז דא א נייע סקולענע ספר אין ספרים-שאפע, דאס איז ערוגת הבשם, וואס דער טאטע געקאכט אין ערוגת הבשם, און כמעט יעדע וואך נאכגעזאגט דערפון.

**הרה"ג ר' אפרים אהרן טייטלבוים שליט"א ראה"כ צעהלים**: אויך פון הגה"ק צעהלימער רב זצוק"ל האט ער אסאך נאכגעזאגט, ער האט געשפירט א געפיל דערצו, ס'איז געווען זיין פעטער, און ער האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער ל"ע. אויך פון זיין פעטער כ"ק האדמו"ר מקאלוב זצ"ל האט ער אסאך געזינגען זיינע ניגונים, ער האט ל"ע אויך נישט איבערגעלאזט קיין קינדער.

**מרן שליט"א**: דער ספר ערוגת הבשם איז דאך ארגינעל פון תלמידי בעל שם, ער האט דאך דאס נישט מקבל געווען פון זיינע עלטערן, נאר ער איז אליינס געפארן.

כ"ק האדמו"ר מפאלטישאן זצ"ל האט נאכגעזאגט אז אין אין בעלזא האט מען געזאגט, אז אזוויוי דער מהרש"א האט זיך אריינגעדרייט צווישן די ראשונים, האט זיך דער ערוגת הבשם אריינגעדרייט צווישן תלמידי בעל שם. ס'איז געווען ארגינעל תלמידי בעל שם! ער האט אליינס געקאכט דערין.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: כ"ק מרן מבעלזא זי"ע האט דאך געזאגט אז דער פאטער כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

פאפא

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה ברכת מזל טוב
מעומק לבבינו, מול פני המנורה הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד
האש ההולך לפני המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

# כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

לרגל השמחות במעון הקודש

אירוסי הנכדה בת לחדב"ן הרה"צ **רבי אהרן כ"ץ** שליט"א
רב דקהל תולדות אהרן, עם החתן הרב **אלימלך דוד**
שליט"א בן הרה"ג ר' **שלמה פריעדמאן** שליט"א

ברכת מזל טוב להסב הגה"צ רבי **ליפא**
**טייטלבוים** שליט"א אב"ד בית אהרן

*

אירוסי הנכדה בת לבנו הרה"צ **רבי לוי יצחק** שליט"א
דומ"ץ בית מדרשנו ב"פ, עם החתן הרב **יושע כ"ץ** שליט"א
בן הרה"ג ר' **ישכר דוב** שליט"א ר"מ בישיבת סערדאהעלי

ברכת מזל טוב להסבים כ"ק **האדמו"ר מסערדאהעלי**
שליט"א, כ"ק האדמו"ר **מבורשטין** שליט"א

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל,
וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים
לחסות בצל הקודש, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.

בס"ד

# לוח השבוע

והגית בו יומם ולילה

פרשת **וישב** תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם
718-977-5555

והגית
כי הם חיינו ואורך ימינו
מפעל הלימוד והחזרה
דק"ק קהלת יעקב פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | מסכת סוטה (סדר א' - עמוד ליום) שיעור היום | חזרת החודש | מסכת זבחים (סדר ב' - דף ליום) שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | ט: | סו: | טו | י |
| מאנטאג | י. | ב. | טז | יא |
| דינסטאג | י: | ב: | יז | יב |
| מיטוואך | יא. | ג. | יח | יג |
| דאנערשטאג | יא: | ג: | יט | יד |

**הבחינה הבא:**
זונטאג ויחי
ה' טבת, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' סוטה ד: – ט"ו:
חזרה בחינה
נזיר דף סא: – סוטה ד.
~~~~~~~
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' זבחים דף ו' – כ"ז
חזרה בחינה
תמיד דף לב – מס' הוריות
זבחים דף ה'

בס"ד

# לוח השבוע

והגית בו יומם ולילה

פרשת **מקץ** תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם
718-977-5555

והגית
כי הם חיינו ואורך ימינו
מפעל הלימוד והחזרה
דק"ק קהלת יעקב פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

| | מסכת סוטה (סדר א' - עמוד ליום) שיעור היום | חזרת החודש | מסכת זבחים (סדר ב' - דף ליום) שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | יב. | ד. | כ | ב |
| מאנטאג | יב: | ד: | כא | ג |
| דינסטאג | יג. | ה. | כב | ד |
| מיטוואך ליל א' דחנוכה | יג: | ה: | כג | ה |
| דאנערשטאג ליל ב' דחנוכה | חנוכה | | חנוכה | ו |

**הבחינה הבא:**
זונטאג ויחי
ה' טבת, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' סוטה ד: – ט"ו:
חזרה בחינה
נזיר דף סא: – סוטה ד.
~~~~~~~
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' זבחים דף ו' – כ"ז
חזרה בחינה
תמיד דף לב – מס' הוריות
זבחים דף ה'

זי"ע האט געלייגט דעם ספר ערוגת הבשם אין ספרים-שאפע צווישן די ספרי תלמידי בעל שם.

**מרן שליט"א**: דער פריערדיגער רב האט געזאגט אז ער לייגט דאס צווישן ספרי תלמידי בעל שם, ווייל ווען ער וואלט נישט געוואוסט ווער דער מחבר איז, וואלט ער געזאגט אז דאס איז פון תלמידי בעל שם[א].

**האדמו"ר מסקולען-לינדען**: דער טאטע פלעגט זיך אויך אסאך קאכן אין קרן לדוד, און אין שאלות ותשובות ערוגת הבשם. יעדע חול המועד ווען ער פלעגט זאגן דרשות פלעגט ער כסדר נאכזאגן פון שו"ת ערוגת הבשם, ער פלעגט זאגן: "לאמיר דורכטון א סוגיא פון שו"ת ערוגת הבשם", און דאס האט ער נאכגעזאגט.

*

**מרן שליט"א**: מסתמא ווייסט עטץ דערפון, אז ווען דער זיידע כ"ק האדמו"ר הנועם אליעזר מסקולען זצ"ל האט זיך געצויגן קיין וויליאמסבורג, האט ער ארומגעשיקט צו רבנים פרעגן צי זיי האבן עפעס דערקעגן אז ער זאל קומען, און ער האט געשיקט הרב אבא חייא טויבער שליט"א זאל פרעגן דעם טאטן ז"ל צי ער איז מסכים אז ער זאל קומען.

הערנדיג די שאלה האט אים דער טאטע ז"ל אנגעקוקט פארוואונדערט און געזאגט: "וואס?! דו פרעגסט מיר אזא שאלה?! פון מיר פרעגסטו צי סקולענער רבי קען קומען? פושעי ישראל וואלטן מיר געדארפט פרעגן אזא שאלה!"

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: דער טאטע [כ"ק האדמו"ר רבי ישראל אברהם מסקולען זצ"ל] פלעגט אלץ זאגן אז ווען דער זיידע דער נועם אליעזר ז"ל האט מייסד געווען 'חסד לאברהם' האט ער געמאכט א מיטינג מיט די רבנים, און דער זיידע האט גערעדט אז מ'דארף ראטעווען אידן, און אלע רבנים דארט האבן שוין געהאט אייגענע קהלות און מוסדות, האט זיך דער זיידע דער ויחי יוסף ז"ל[ב] אויפגעשטעלט און געזאגט: "מורי ורבותי! אונז אלע האבן מוסדות, אונז אלע האבן קהלות, און מיר דארפן טאקע דאס געלט; אבער דאס וואס דער סקולענער רבי טוט זענען מיר אלע מחויב צו טון, און יעדער דארף זיך אנשטרענגען יותר מכפי היכולת, און יעדער דארף איינשפאנען זיין קהלה אז מ'זאל שטיצן די מוסד חסד לאברהם". מיין טאטע האט דאס אסאך מאל נאכגעזאגט

**מרן שליט"א**: יא, איך געדענק די מעשה.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: איך געדענק כמה פעמים וואס דער זיידע דער ויחי יוסף ז"ל האט אריבערגעשיקט באהאלטענערהייט א טשעק צום זיידן פאר חסד לאברהם.

**מרן שליט"א**: אמאל פאר שבעה עשר בתמוז איז דער נועם אליעזר געווען שוואך, און ער האט נישט געטארט פאסטן, און די שטוב-מענטשן האבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, ווייל ער וועט דאך נישט פאלגן און ער וועט יא וועלן פאסטן, האט מען געבעטן דעם טאטן ז"ל אז ער זאל בעטן דעם סקולענער רבי'ן אז ער זאל נישט פאסטן. דער טאטע ז"ל האט זיך געוואונדערט פארוואס עפעס קומט מען צו אים, האט מען אים געזאגט אז מ'האלט אז אים וועט ער הארכן, ווייל קיינעם אנדערש

**א.** ראה בעלון בקודש פנימה מטו"מ תשפ"ד, מה שסיפר הרה"ח ר' יושע ווידער הי"ו: שמעתי מהגה"צ רבי יצחק שלמה אונגער זצ"ל גאב"ד חוג חת"ס מה ששמע מפי הגה"ק מבילגורייא זצ"ל: "ביים טאטן ז"ל (מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע) זענען די ספרים געווען מסודר אין שאנק לויט דער סדר הדורות, אויפ'ן אויבערשטן פאליצע איז געווען ספרי תלמידי בעל שם, אויפ'ן צווייטן פאליצע איז געווען תלמידי המגיד, און אויפ'ן דריטן פאליצע איז געווען תלמידים פון רבי'ן פון לובלין; חוץ דער ספר ערוגת הבשם וואס איז געווען אויפ'ן אויבערשטן פאליצע". המשיך הגה"ק מבילגורייא וסיפר שפעם שאל מאביו מרן מהרי"ד ז"ל מדוע הוא מחזיק הספר ערוגת הבשם בין תלמידי בעל שם, נענה מרן מהרי"ד ז"ל ואמר: "וואלט איך ווען נישט געוואוסט ווער דער מחבר איז, וואלט איך אים געהאלטן ווי א תלמיד פון בעל שם הק' אליינס!"

**ב.** כ"ק האדמו"ר מסקולען-מאנסי שליט"א הוא נכד כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל, חותנו הוא חדב"ן הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א.




וועט ער נישט פאלגן, אבער טאמער דער טאטע וועט רעדן צו אים, וועט ער הארכן דעם טאטן נישט צו פאסטן

איך בין דארט געווען אין שטוב ווען דער טאטע ז"ל האט געקלינגען דעם סקולענער רבי'ן [ג], און דער טאטע ז"ל האט גערעדט מיט אים, און נאכדעם האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט אז ער וויל רעדן צו אים וועגן פאסטן שבעה עשר בתמוז, אז דער סקולענער רבי דארף נישט פאסטן און טאר נישט פאסטן, האט דער סקולענער רבי געגעבן א קרעכץ: "אוי געוואלד, צום רביעי! וואס טוט מען מיט דעם צום רביעי!"

האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט: "קודם כל, אונז האבן מקובל פון בעלזא אז דארט וואו מ'דארף נישט פאסטן טאר מען נישט פאסטן, און צווייטנס, זאלט איר וויסן אז איך בין אויך אין דעם מצב, און אונז האבן אויף דעם מקובל, אז מ'טוט זיך כולל זיין צווישן אנדערע אידן וואס פאסטן, אז מ'איז זיך מצער מיט אנדערע אידן וואס פאסטן, איז עס גענוג". הערנדיג דאס איז געווען נח דעתיה פונעם סקולענער רבי'ן.

ס'איז געווען א מעשה יארן פארדעם, ווען דער טאטע ז"ל האט געוואוינט אין אנטווערפן, און ער איז נישט געווען געזונט ל"ע, מ'האט אים אריינגעפירט שבת שובה תש"ט אין שפיטאל, ער איז געווען שטארק נישט געזונט, און שפעטער איז דער מצב געווארן נאך ערגער; בקיצור ס'איז געווען א שווערע מצב.

יענע יאר יום כיפור האט דער טאטע ז"ל געפאסט געהעריג; דער טאטע האט געפראוועט אין שפיטאל, ער האט מיטגעהאלטן די תפלות יום כיפור, ביינאכט האט ער אפילו געלערנט די לימודים אין מסכת יומא, אזוי האט ער

**ג.** ראה בעלון בקודש פנימה חג הסוכות תשפ"ה, שהשליח לבקש זאת מאת כ"ק מרן ז"ל, היה כ"ק מרן שליט"א בעצמו.



געפראוועט דער גאנצע סדר היום אין שפיטאל מיט מנין. שפעטער איז דער טאטע ז"ל געווארן שטארק מסוכן ל"ע, האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר זיינע מענטשן: "איר האט מיר נישט געטארט לאזן פאסטן".

*

**כ"ק מרן שליט"א למד משניות פרק ז' מקואות.**

**האדמו"ר מסקולען-וומס"ב:** צדיק נתפס בעון הדור (שבת לג:), ער האט נישט געלעבט פאר זיך.

**מרן שליט"א:** די וועלט פאפט זיך נישט, מ'קען נישט פאפן א וועלט...

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** דער ברודער איז געבוירן געווארן לעת כניסת השבת, און ער איז נסתלק געווארן מוצאי שבת, ס'איז א בחינה פון יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו.

**מרן שליט"א:** מוצאי שבת זאגט מען דאך וי אבדה נפש, ס'איז א פחד!

דער טאטע ז"ל פלעגט נאכזאגן פורים פונעם אלטן וויזניצער רבי'ן הרה"ק האהבת ישראל זי"ע, אז מ'פרעגט אים פארוואס האבן די פריערדיגע רבי'ס נישט געהאט אזויפיל געלט, און שפעטער האט מען יא געהאט. האט דער אהבת ישראל געענטפערט, אז ס'איז געווען אמאל א בעטלער וואס איז געגאנגען נאך געלט און מ'האט אים געגעבן וויפיל מ'האט אים געגעבן, שפעטער איז געקומען א צווייטער און געמאכט א שפיל ווי ער איז א בעטלער, ער האט נאכגעמאכט יענעם בעטלער, און ער האט סאך מער מצליח געווען.

האט דער בעטלער זיך געוואונדערט און געפרעגט: "מאי שנא? פארוואס איז ער נישט אזוי מצליח ווי דער וואס האט געשפילט די שפיל?" האט מען אים געזאגט: "דו חכם! אים צאלט מען דאך פאר'ן מאכן די שפיל, דו ביזט דאך אן עכטע בעטלער"... האט דער אהבת ישראל געזאגט אז דאס איז דער חילוק צווישן די אלטע רבי'ס און די שפעטערדיגע רבי'ס, פאר אונז צאלט מען ווייל אונז מאכן גוט נאך דעם שפיל, די אלטע זענען דאך געווען די עכטע ממילא האבן זיי נישט געהאט אזויפיל געלט... דאס האט דער אהבת ישראל געזאגט יארן צוריק.

ווען הרה"ק דער בני יששכר זי"ע איז נסתלק געווארן, האט כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע געגעבן א גרויסע קרעכץ: "ער איז געווען אן ערליכער איד!" האט רביצין מלכה ע"ה געפרעגט: "אן ערליכער איד, דאס איז די גאנצע?" האט דער ערשטער רב געזאגט: "רבי'ס איז דא אסאך, ערליכע אידן איז דא ווייניג"...

**ואמר מרן שליט"א:**

ביי א רבי'ן גייט אויך אן מכבדו בחייו מכבדו במותו, נישט נאר ביי קינדער אויף א טאטן; כ'האב עס נישט געזען אין הלכה אבער ס'איז מסתבר אזוי, די אלע אידן וואס האבן געהאט א קשר מיט א רבי'ן גייט אן דער מכבדו בחייו מכבדו במותו, מ'דארף ווייטער מכבד זיין די נשמה.

די אלע זאכן דארף מען געדענקען, מ'טאר עס נישט פארגעסן.

**וקם כ"ק מרן שליט"א לנחם:**

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, דער באשעפער זאל אייך טרייסטן, איר זאלט באהיטן ווערן פון צער.

*

## שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת מסיבת לחיים **בבית האכסניה במאנסי** **אצל הרה"ח ר' אברהם חיים פריעדמאן הי"ו**

**יום ד' קרח תשפ"ד לפ"ק**

**מרן שליט"א:** ס'גייט זיין ראש חודש תמוז, תמו"ז איז נוטריקון ז'מני ת'שובה מ'משמשים ו'באים, ביי חסידים טוט מען תשובה מיט שמחה, וועגן דעם מאכן נישט די ליטווישע חתונה אין חודש אלול, אבער ביי חסידים מאכט מען יא חתונה אלול, און אדרבה מ'מאכט טאקע חתונה אלול אז ס'זאל זיין תשובה מתוך שמחה.

נו, אויב אזוי אז ס'איז זמני תשובה משממשים ובאים, דארף עס גיין מתוך שמחה, מיט לעקיך און בראנפן; א איד דארף האבן חיזוק.

כ'זאג אלץ נאך די באקאנטע מעשה וואס איז געווען ביי הרה"ק דער רוזינער זי"ע, אז ס'איז געקומען א מתנגד צום רוזינער מלא טענות, זאגנדיג: "ביי אונז לערנט מען משניות נאכ'ן דאווענען, און די חסידים טרינקען לעקיך און בראנפן, און זיי הייסן חסידים, און אונז הייסן מתנגדים... אונז זענען דען ווייניגער פון זיי? פונקט פארקערט, אונז זענען מער!"

דער גבאי פון רוזינער איז דארט געווען, און ס'האט אים זייער פארדראסן, און אז דער רוזינער האט נישט געענטפערט אויפ'ן פלאץ, האט זיך דער גבאי אנגערופן

מיט א שארפקייט: "יא! ענק דאווענען ווי מתים, און נאך א מת לערנט מען משניות, אבער ביי אונז דאווענט מען מיט א לעבעדיגקייט, און א לעבעדיגער מענטש דארף טרינקען לחיים"...

אזוי האט דער גבאי געזאגט, אבער דער רוזינער האט געזאגט אזוי: "דער בעל דבר איז זייער פארנומען ביים דאווענען, זיין ארבעט יעצט איז צו דרייען א קאפ, און ער לאזט נישט דאווענען געהעריג, און ווען מ'איז פערטיג מיט'ן דאווענען איז ער פערטיג מיט זיין ארבעט, און ער גייט זיך ווייטער; און יעצט אז דער בעל דבר איז אוועקגעגאנגען, און איינער וואונטשט פאר'ן צווייטן לחיים, איז דאס אזויווי א תפלה, און דער בעל דבר שטערט דאס נישט".

**בעל אכסניה ר' אברהם חיים פריעדמאן**: קומט אויס אז דער בעל דבר געפונט זיך בכלל נישט יעצט דא אין שטוב...

**מרן שליט"א**: אינגאנצן אוועקגעגאנגען איז ער נישט... נאר וואס דען? כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל פלעגט צו זאגן אז ס'שטייט (סוכה נב:) אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, לכאורה איז שווער פארוואס דארף מען אים שלעפן אין בית המדרש, לאז אים אינגאנצן איבער, נאר דער תירוץ איז, אז טאמער מ'שלעפט אים אין בית המדרש קען ער נישט זיין אזא גרויסער מנוול ווי אויפ'ן גאס.

ס'איז א בחינה ווי מ'ברענגט אריין דעם בעל דבר, און מ'שטופט אים אויף א זייט; ביי חסידים שטופט מען זיך דאך, שטופט אים שוין אויך אוועק... אזוי ווי ס'איז געווען אמאל אין בעלזא אז חסידים האבן זיך געשטופט, און





איינער איז געווארן צודריקט און געשריגן: "סכנת נפשות, סכנת נפשות!" האט זיך בעלזער רב זי"ע אנגערופן: "נישט סכנת נפשות, נאר תקנת נפשות!"...

**רא"ח פריעדמאן**: ס'איז ידוע אזביים קריג ווען כ"ק מרן מבעלזא זי"ע איז געפארן קיין ארץ ישראל דורך ראמעניע, איז דער רב ז"ל געווען אויפ'ן באן פרייטיג צונאכטס, און ער האט דארט געפירט טיש, און בשעת'ן טיש האט דער רב ז"ל געזאגט: "שטופטס ענק נישט, שטופטס ענק נישט"...[ד]

זיין משמש דארט איז געווען הרה"ח ר' משה זילבער ז"ל. ער האט געהאט א זכי' דער בחור, ער איז געווען דארט אליינס מיט'ן רב ז"ל, און דער רב ז"ל האט אים אויסגעוועלט אז ער זאל זיין משמש.

**מרן שליט"א**: ס'האט מיט זיך א גאנצע מעשה, אז דער רב ז"ל האט אים שוין געזאגט פארדעם אז ער וועט קומען אויף ארץ ישראל[ה]. ער איז נישט געווען מיסודו קיין בעלזער חסיד.

**ד.** ראה בבטאון בית סופריהם ערלוי (מנחם אב תשס"ב, עמוד כח), מה שסיפר בזה כ"ק האדמו"ר האמרי סופר מערלוי זצ"ל: שמעתי עובדא, והוא מעשה פלא, אבל לספר מותר, שהבעלזער רב היה נוהג כל פעם לפני שהתחיל התורה לומר "שטופט זיך נישט", שהעולם היה נדחף לשמוע, ובשעת המלחמה כאשר ברח מאונגערין, היה ביום השבת בנסיעה ברכבת, ואמר תורה ולא היו שם כי אם ב' אנשים, הבילגורייער רב ועוד אחד [ה"ה ר' משה זילבער], ולפני שהתחיל התורה אמר "שטופט זיך נישט". ואמר הבילגורייער רב, שלכאורה למי אמר דברים אלו, שאי אפשר לומר שאמר זאת מחמת שהיה רגיל לומר כן, "ווייל מיין ברודער דער בעלזער רב רעדט נישט בחנם'דיגע ווערטער", והסמקנא היתה שמלאכים באו לשמוע התורה, ולהם אמר שלא ידחפו.

**ה.** ראה בספר ההצלה חלק ב' (עמוד תקכ): בין הנוסעים [עם מרן מבעלזא זי"ע על הרכבת], היה גם הרה"ח ר' משה יעקב זילבער ז"ל, שהיה אז בחור בן עשרים ושש שנים, ואף הוא ניגש לראות ולהיראות אל פני הקודש, והנה ללא כל התראה מראש, וללא הכנה דרבה, ביקש ממנו כ"ק מרן זי"ע שיעמוד לשרתו משך כל זמן הנסיעה, והוא מתוך התרגשות עצומה השיב בחיוב.

**עצם** נסיעתו של ר' משה יחד עם כ"ק מרן זי"ע, התגלגלה והתאפשרה רק הודות להוראת וברכת קדשו של כ"ק מרן זי"ע, אשר בעיניו הצופיות חזה את את כל הקורות מראש, היה זה כאשר נכנס ר' משה בקודש פנימה בעת שהותו בפעסט, על מנת להתברך בימים טרופים אלו. כאשר פנה לצאת מהחדר, קרא לו כ"ק מרן זי"ע בחזרה, ואמר לו בהאי לישנא: "בחור'ל! פאר קיין ארץ ישראל".

**ר'** משה כבר יצא מהחדר, ושוב קראו כ"ק מרן זי"ע, והורה לו בשנית: "בחור'ל! פאר קיין ארץ ישראל". וכשיצא בפעם השלישית, שוב קראו כ"ק מרן זי"ע והורה לו: "בחור'ל! פאר קיין ארץ ישראל". ר' משה ניגש מיד אל המלאכה, וניסה להשיג סרטיפיקאטן באמצעותו יוכל לעלות ולהיכנס לארץ ישראל.

**א' הנוכחים**: ס'איז געווען אזעלכע וואס האבן געזאגט אז דערפאר האט אים דער רב ז"ל אויסגעוועלט...

**מרן שליט"א**: כ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר זצ"ל האט דאך געזאגט פאר זיין גבאי הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, אז דריי אידן זענען נישט קיין חסידים, א גבאי, א קרוב, און א ארץ ישראל'דיגער איד; און ער איז אלע דריי...[ו]

*

**מרן שליט"א**: אין די פרשה פון קרח זעט מען אז מ'דארף זיין א חכם, ווייל רש"י פרעגט (במדבר טז, ז) וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה, לכאורה איז שווער פארוואס זאגט מען אז ס'איז א שטות, דאס איז דאך א חטא? נאר ס'זעט זיך אויס אז דאס איז אויך א חלק פון די חטא צו טון א שטות, ווייל מ'דארף זיין א חכם.

הרה"ק דער ראפשיצער רב זי"ע האט זייער נישט ליב געהאט נאראנים, האט מען אים געפרעגט אז ס'שטייט דאך (דברים יח, יג) תמים תהיה עם ה' אלקיך, האט ראפשיצער רב געענטפערט: "אוי דארף מען זיין א חכם צו דעם תמימות! צו די תמימות דארף מען זיין א גרויסער חכם!"..

דאס מיינט וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה, מיט דעם אלעם אז ס'איז חטא, איז נאכאלץ געווען דא נאך א פראבלעם אז ס'איז א שטות, ס'איז טאקע א חטא אבער נאכאלץ א שטות.

די דרך פון צדיקים און עובדי ה' איז, אז פון יעדע זאך וואס מ'זעט לערנט מען זיך אפ, דערפאר רעדט מען אזויפיל פון דעם קרח, זאל מען ענדערש רעדן פון ערליכע אידן, פון אהרן הכהן און פון משה רבינו, וואס פעלט אויס צו רעדן פון קרח אז ער האט געברענגט טליתות שכולה תכלת? נאר דאס איז ווייל יעדע זאך וואס מ'זעט, דארף מען זיך פון דעם עפעס אפלערנען.

**א' הנוכחים**: ס'איז דאך ידוע פון מרן הבעל שם הק' זי"ע אז טאמער א איד זעט עפעס א זאך שלא כהוגן, אדער אז ער הערט עפעס, האט ער א שמץ דערפון, און ער דארף דאס מתקן זיין.

**ו.** ראה עוד בבטאון בית סופריהם ערלוי (שם עמוד כח) מרשימות התלמידים מה שסיפר האדמו"ר מערלוי זצ"ל: דיבר פעם שאומרים מהרה"ק מסאטמאר זצ"ל שג' אינם חסידים, ירושלימער איד, קרוב משפחה, והגבאי, והוסיף כ"ק אד"ש [מערלוי ז"ל], שכל זה הוא בסתם אדמורי"ם, אבל אצל צדיקים גדולים וענקים כמו ה'בעלזער רב' וזקינו ה'התעוררות תשובה', ראו ההיפך, שככל שהיו יותר קרובים אליהם, כך גדלה ההערכה להם.

**מרן שליט"א**: בימים ההם אין די בראשית יארן האט דער עולם נאכנישט געהאט קיין קאר'ס, ממש געציילטע יחידים האבן געהאט קאר'ס; הרה"ח ר' יצחק דאנאטה ז"ל האט געהאט דעמאלטס א קאר, האט ער אסאך ארומגעפירט דעם טאטן ז"ל וואו ער האט געדארפט גיין, און ער האט באקומען א היימישע שפראך מיט'ן טאטן ז"ל.

מיין מאמע ע"ה האט אונטערגעזאגט פאר ר' יצחק, אז ווען ער פארט מיט'ן טאטן, זאל ער אים אונטערזאגן אז דער רבי זאל מער עסן צוליב זיין געזונט צושטאנד. ר' יצחק האט אזוי געטון, און ער האט אנגעהויבן זאגן פאר'ן טאטן אז דער רבי זאל וויסן אז מ'דארף מער עסן; דער טאטע ז"ל האט אים געלאזט רעדן און אים אויסגעהערט וואס ער האט צו זאגן, און נאכדעם האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט: "דו הייבסט דאך נישט אן צו פארשטיין די זאך, די גאנצע מעשה קומט דאך פון צופיל עסן"...

ר' יצחק דאנאטה האט מיר דערציילט, וואס ס'איז פארגעקאנגען ווען דער טאטע ז"ל איז געפארן אין די בראשית יארן אויף מאנטרעאל צו שאפן געלט, אז אויפ'ן וועג אין די באן האט ר' יצחק געטראפן א פארמעגליכער איד און ער האט אים אנגעווארעמט צו געבן געלט, יענער איז טאקע געווארן אנגעווארעמט און געוועזן גרייט צו געבן גאר א גרויסער סכום וויפיל ס'איז געוועזן בימים ההם, און מ'האט אים געברענגט צום טאטן ז"ל.

דער טאטע ז"ל האט אנגעהויבן רעדן מיט דעם איד, און ער האט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין פרנסה, און דער טאטע ז"ל האט אים געפרעגט: "און וואס טוט זיך מיט שמירת שבת?" האט יענער געדרייט אהער און אהין, ביז ער האט געזאגט אז ער האלט נישט שבת, האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "אויב אזוי, קען איך נישט נעמען די געלט". ר' יצחק דאנאטה האט געמיינט אז ער האלט עס נישט אויס, ער האט אנגעהויבן שפרינגען... אבער דאס איז עס און פארטיג! ער האט עס מקבל געווען; ער האט געהאט שטארקע אמונת צדיקים.

**כ"ק מרן שליט"א טעם מ'לעקיך און ברוינפן', חילק שיריים להנוכחים, ואיחל לבעל אכסניה:**

לחיים, לחיים טובים ולשלום, דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל האבן רוב הצלחה וסייעתא דשמיא געזונטערהייט.

**הקהל עבר לברכת לחיים, והשיחה נסובה אודות המים במחוז ניו יארק, וסיפר כ"ק מרן שליט"א:**

הגה"צ רבי אפרים פישל סופר זצ"ל [רב דבית מדרשנו י"ם] איז געוועזן די לעצטע יאר פון טאטן ז"ל אין קעמפ, און מ'האט אים מכבד געוועזן צו זאגן 'פרק'. יענע שבת איז עפעס נישט געוועזן קיין וואסער אין קעמפ, האט ער אינמיטן זיין דרשה געזאגט א ווערטל: "איבעראל איז מען גלות, אפילו אין פאפא קעמפ; איין מאל איז יא דא וואסער און איין מאל איז נישט דא וואסער"...

דער אויבערשטער ווייזט אמאל אז ער ברענגט א פארפלייצונג, און דער מענטש מיינט אז ער איז דער גרויסער עושר, און דער אינדזשעניר האט אים צוגעזאגט בשעת'ן בויען די הויז אז די בעיסמענט וועט נישט ווערן פארפלייצט; אבער דער אויבערשטער ווייזט אז דער אינדזשעניר קען דיר זאגן טויזענט מאל; דא האסטו! איך ווייז דיר ווער ס'פירט די וועלט, דער אויבערשטער פירט די וועלט.

דאס איז דאך געוועזן די מעשה מיט די טייטאניק-שיף יארן צוריק, און די זעלבע מעשה איז געוועזן מיט די אמעריקאנע וואס האבן געהאט די סובמארין, און מ'האט זיך געהאלטן גרויס דערמיט אז קיינער קען נישט זינקען דעם אמעריקאנע סובמארין... אבער ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז מ'דרייט סתם א קאפ, די אלע זאכן זענען גארנישט מיט גארנישט.

די זעלבע זאך איז געוועזן מיט די טווין-טאויער'ס, וואס ס'האט זיך ארויסגעשטעלט וואס די 'גרויסע' אמעריקא איז... דו ביזט דער גרעסטער חכם, מיט די בעסטע טעכנעלאגיע, אבער דער אויבערשטער פירט די וועלט.

אפגערעדט פון ארץ ישראל; אזויווי ס'גוי'אישט זיך, אזוי אידישט זיך, סדנא דארעא חד (קידושין כז:); די אידעלעך זענען דאך שפרינגער'ס, זיי טאנצן ארום... און זיי רעדן מיט א שטארקייט, אבער אלעס איז גארנישט מיט גארנישט.

די ארץ ישראל'דיגע רעדן ווייל זיי מוזן אזוי רעדן, אבער קען מען דען גיין אין די טעג אויף גליל? זיכער אז נישט! אין הולכים בפיקוח נפש אחר הרוב (יומא פד.), ס'איז נעכטן נישט געשען, און דער האט אזוי געזאגט, און יענער האט אזוי געזאגט; ס'מאכט נישט אויס מ'קען נישט אהינגיין.

אוי! משיח דארף צו קומען און פארטיג! איך בין נישט אין הימל, קיינער איז נישט אין הימל, אבער מ'איז אין גלות, און די אנטיסעמיטיזם פארשפרייט זיך לײדער.

מיט יארן צוריק האט מען געשמועסט אין פעסט, אז ביי די קאמוניסטן האט מען טאקע געליטן וואס מ'האט געליטן, אבער סתם צו גיין אויפ'ן גאס איז געווען מער פארזיכערט ווי שפעטער ווען אונגארן איז געווארן פריי פון קאמוניזם, דאס איז געווען ווייל מ'האט געציטערט פון די פאליציי, ס'איז נישט געווען אזא זאך אז מ'הוליעט אויף די גאס, טאמער א פאליציי איז געווען דריי גאסן ווייטער, האט דער עולם געציטערט! ס'איז נישט געווען קיין הפקר וועלט; אבער היינט איז דאך א הפקר וועלט, מ'קען הוליען, מ'קען נאכשרייען.

**בסיום הדברים אמר מרן שליט"א:**

כ'האב א ספק צי כ'האב געגעסן א שיעור, א בעלזא שיעור האט עס זיכער נישט... נו, וועלן מיר עסן נאך א שטיקל, און יעצט עס איך שוין אז כ'זאל קענען מאכן א נאך ברכה, איז דאך דאס אויך לשם שמים...

**כ"ק מרן שליט"א הודה לבעל אכסניה, ואיחל:**

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל האבן שמחות אין שטוב.


## אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה

בקידה בהשתחויה, בדחילו ורחימו מול פני הקודש, נשגר בזה ברכת מזל טוב מעומק לבבינו, אל מול פני המנורה הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד האש ההולך לפני המחנה, מאור דרכנו ואור חיינו, נשיא אלוקים, רבן ומאורן של ישראל, אבינו רוענו

# הוד כבוד קדושת מרן אדוננו מורנו ורבנו עט"ר שליט"א

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש בנישואי הנכדה הכלה תחי'

**בת לבנו חביבו ויקירו**

**איש מורם מעם, חסידא ופרישא, שמו המפורסם נודע בשערים, מרביץ תורה חסידות והוראה, משנתו זך ונקי, מוכן ומזומן תמיד לשרת בקודש על קהל עדתו, מסור ונאמן לכל אחד ואחד בלבו הזהב, פותח לנו מאוצרו הרחבה והמלאה לדון ולהורות לבני ישראל, פה מפיק מרגליות, מסור ונאמן בכל לב ונפש למען ארגון הקודש 'רוממתנו', ה"ה**

**כבוד הגאון הצדיק המפורסם**

הרה"צ **דומ"ץ בית מדרשנו ב"פ** שליט"א

עם החתן פרע"ח הרב יושע כ"ץ שליט"א בן הרה"ג ר' ישכר דוב שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל, וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים להסתופף בצל הקודש, לשתות מבאר מים חיים, ולשאוב מלא חפניים השפעות קדושות ברוחניות ובגשמיות, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.

**המברכים בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש:** הנהלת ארגון הקודש 'רוממתנו'

# ויאמר אברהם
# אברהם ויאמר הנני!

בשם אנשי שלומינו חסידי פאפא בכל מקומות מושבותיהם, משגרים אנו בזה ברכותינו העמוקות היוצאים מעומק הלב, מול האי איש חי ורב פעלים, איש אשר רוח בו, כי לו נאה ולו יאה כל שבח ותהלה, נעים הליכות, אהוב ונחמד לכל, גברא דמרא סייעא וכל אשר הוא עושה ה׳ מצליח בידו, רץ כצבי וגיבור כארי לכל קדשי בית חיינו ותפארתנו, מנצח על מלאכת בית ה׳ בכל יום ויום במסירות נפלאה, ובמיוחד מפליא לעשות בעתים מיוחדים, ה"ה זמני רצון, מועדי קודש, וימי שמחה בחצר הקודש, אין גומרים עליו את ההלל, ה"ה

**ידיד כל בית פאפא העסקן הנמרץ לכל קדשי בית חיינו**

# הר"ר **אברהם יואל מאנדל** הי"ו

חבר הנהלת קהלתינו הק׳ המרכזי

---

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו הבכירה הכלה תחי׳ עם החתן המופלג **יצחק נפתלי קנאפפלער** נ"י ממצוייני תלמידי ישיבתנו הק׳ במתיבתא קרית פאפא בן הר"ר **יוסף מאיר קנאפפלער** הי"ו מחשובי אנ"ש במאנסי

---

**בהאי זימנא מאוד נעלה, יוצאים מפי כל בית פאפא איחולים נרגשים מול ידידנו ר׳ אברהם יואל:**

## מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!

**וכל בית פאפא כולם יודו ויברכו וישבחו ויפארו בהכרת תודה מרובה על כל מה שמתמיד לעשות, ועל מה שעשה ויעשה למען ממלכת בית פאפא!**

יהי רצון שתזכה לראות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח, ותתברך בכל מיני השפעות טובות, ותזכה להמשיך בפעולותיך הברוכות למען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובית פאפא, עדי נזכה לעלות לציון ברנה עם מלכנו בראשנו אמן ואמן.

**המאחלים והמברכים מעומק הלב**

## חסידי פאפא די בכל אתר ואתר

# דברות קודש

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א במקהלות אלפי חסידי פאפא אצל חגיגת יובל העשור להתייסדות מפעל והגית דחסידי פאפא

יום א' תולדות תשפ"ה לפ"ק

### ברוך אלקינו שבראנו לכבודו

ס'איז באקאנט וואס **רבינו יונה** זאגט (ברכות יג:) על שאנו מודים לך ברוך קל ההודאות, אז אויף דעם אליינס וואס מ'קען לויבן דעם אויבערשטן, אויף דעם אליינס דארף מען געבן א שבח. דהיינו; ווער רעדט זיך דען איין אז מ'טוט געגוג לויבן דעם אויבערשטן.

אז מ'קומט צו אזא מעמד קען מען נאכאמאל זאגן דאס וואס מ'זאגט יעדן טאג ביים דאווענען ברוך אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכנו, און אזוי ווייטער די גאנצע תפלה.

ס'איז ידוע פון **הרה"ק רבי זושא זי"ע** - אנדערע זאגן דאס פון אנדערע צדיקים - אז ער איז געפארן צום רבי'ן, און דער שווער האט אים געפרעגט: "צו וואס פארסטו צום רבי'ן?" האט ער געזאגט: "איך פאר צום רבי'ן ווייל איך וויל מיר אויסלערנען אז ס'איז דא א גאט אויפ'ן וועלט", האט דער שווער געפרעגט: "וועגן דעם פארסטו צום רבי'ן?" און ער האט אריינגערופן די משרתת און געפרעגט: "ווייסט אז ס'איז דא א גאט אויפ'ן וועלט?" האט זי געזאגט: "אודאי ווייס איך אז ס'איז דא א גאט אויף די וועלט", האט רבי זושא געזאגט: "זי זאגט און איך ווייס!"

דאס קען מען דא זאגן; ביי אזא מעמד קען מען נאכאמאל זאגן מיט די גאנצע שטארקייט, ברוך אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים און אזוי ווייטער, הוא יפתח לבנו בתורתו און אזוי ווייטער.

וועט מען טאקע לויבן דעם אויבערשטן, און דאס איז אודאי און אודאי נישט מיט אונזערע כוחות, נאר דאס איז מיט די כוחות פון אונזערע עלטערן, וואס האבן מרביץ תורה געווען און אריינגעברענגט תורה מיט יראת שמים, אהבת תורה און אהבת ה' אין די הערצער פון אידישע קינדער מתוך מסירות נפש.

מ'האט פריער דערמאנט דא אז ס'איז אכציג יאר פונעם חלום וואס **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** האט געהאט לשום לכם שארית בארץ ולהחיות לכם לפליטה גדולה, אבער מ'קען דערמאנען דעם המשך פון דעם, אז תש"ז וואס מ'איז ארויסגעגאנגען פון אונגארן, און מ'איז געגאנגען אויפן וועג, מ'האט געמוזט אנטלויפן פון דארטן וועגן די קאמוניסטן, האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר די בחורים: "כ'ווייס נישט וואו איך גיי, דארט וואו דער אויבערשטער וועט מיר געבן די זכיה אז איך וועל קענען לערנען תורה מיט אידישע קינדער, דארט וועלן מיר גיין!"

### הכרת הטוב לעסקנים

יעצט איז אודאי און אודאי איז א זמן וואס מ'דארף מכיר טוב זיין, וואס די טבע פון א מענטש איז, אז מ'איז נישט מכיר וואס יענער גרייט אן, און וואס יענער פלאגט זיך, מ'מיינט: "עה, ס'איז אפאר דאלער, מ'לייגט ארויס אפאר דאלער פון טאש"... מ'דארף וויסן אז ס'גייט נישט אזוי, אודאי און אודאי נישט ביי עבודת ה', וכפי שידוע וואס ס'שטייט אין ספרים (ספה"ק נועם אלימלך פ' בא ד"ה ולקחו מן הדם) אז א מצוה דארף קאסטן א טירחא,


קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק

Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

בשם כל קהל אנ"ש יעלה ויבא קדם מעלת כבודו הרבני החשוב המפואר, איש חי ורב פעלים, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, אהוב לשמים ולבריות, מסור בלב ונפש למען קהלתנו ומוסדותינו הק', עומד תמיד מוכן ומזומן לבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ה"ה

העסקן הנמרץ לכל קדשי בית חיינו

הרב **אהרן צבי ברילל** שליט"א

**גבאי נאמן דבית מדרשנו**

לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב החתן המופלג בתוי"ש יצחק יוסף ני"ו ממצוייני תלמידי מתיבתא קרית פאפא, עם בת העסקן הנמרץ הר"ר יוסף שפיטצער הי"ו מחשובי עסקני אנ"ש פה מאנסי

יהי רצון מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, לאורך ימים ושנים טובות.

**המברכים מעומקא דלבא:** הנהלת הקהלה

געלט און טירחא, איינס אליינס איז נישט גענוג, ממילא דארף מען אודאי באדאנקען די אלע וואס טוען דא.

די ערשטע דאס איז דאך באקאנט א דבר המפורסם וואס **הר"ר שלמה [וועבער]** האט זוכה געווען צו אזא געוואלדיגע געוואלדיגע זאך, אודאי און אודאי קענען אונז אים מקנא זיין, אבער מיט דעם וואס יעדער העלפט צו, סיי בגוף סיי בממון און סיי מיט ווערטער דברי חיזוק, איז אודאי און אודאי א געוואלדיגע זאך, ס'איז א געוואלדיגער ענין פון כבוד התורה, וואס דאס איז היינט זייער וויכטיג פאר אונז אלע, פאר אונז און פאר די שטובער און פאר די קומענדיגע דורות, ס'זאל אויפהייבן דעם כבוד התורה.

## הכרת טוב לנשמות

בהאי זימנא וויל איך טאקע דערמאנען, וואס מ'דארף אפגעבן הכרת הטוב פאר די אלע נשמות וואס זענען שוין נישט דא מיט אונז, די נשמה פונעם אומפארגעסליכן **רבי לייבוש רובינשטיין עליו השלום זכרונו לברכה**, וואס די יונגע וייסן נישט וואס דאס מיינט, די אלע הארעוואניע וואס ס'האט געקאסט, וואס ער האט זיך געפלאגט און געארבעט בלב ונפש, סיי די פריערדיגע יארן מיט די קעמפ'ס, און סיי די לעצטערע יארן מיט קרית פאפא, און די אלע זאכן וואס ער האט געארבעט, זכרנו ימים מקדם פון די אלע יארן, וואס פאר די אידן קומט זיך צו פארדאנקען דאס אלעס וואס מיר האבן!

אויך דארף מען דערמאנען די נשמה פון אונזער קרוב דעם אומפארגעסליכן **ר' אהרן ווייס עליו השלום** וואס ער איז געווען א נחבא אל הכלים, אזויווי מ'האט דא פריער געזאגט, און אודאי קומט זיך אים אז מ'זאל מכיר זיין טוב פאר די קינדער, און ס'זאל זיין לטובת ולעילוי נשמתו.

## ולישרי לב שמחה

אבער אייגנטליך מ'האט שוין אזויפיל גערעדט דא, וואס האבן מיר אונז דא מיט אויבערשטנ'ס הילף צו מוסיף זיין?

ווען מיר פראבירן אפשר ארויסצוברענגען א רעיון וואס איז די אויפטוה פון דעם גאנצן ענין פון והגית, לכאורה שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן רמו סעיף א) אז יעדער איד איז מחוייב זיך צו קובע זיין בתלמוד תורה, סיי א בחור סיי א זקן, סיי א יונגער מענטש סיי א עלטערע מענטש, סיי א געזונטער מענטש סיי א חולה, ס'איז א חיוב וואס יעדע איד איז מחויב מיט דעם; אויב אזוי וואס וואס איז די אויפטוה דא פון והגית?

ווען מיר פראבירן ארויסצוברענגען א ענין. ס'שטייט אין מדרש (ילקוט רמז שעה) אויפ'ן פסוק (שמות כז, כ) להעלות נר תמיד, אמר דוד המלך (תהלים צז, יא) אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה. דארף מען פארשטיין די כוונה וואס דער מדרש מיינט.

שטייט אין **ספה"ק חתם סופר** (דרשות לז' אדר שנת תק"ס) אז מיר געפונען אז תורה איז משמח את הלב אזויווי ס'שטייט (תהלים יט, ט) פקודי ה' ישרים משמחי לב, און פון די צווייטע זייט געפונען מיר ביי אלישע הנביא (מלכים ב' - ג, טו) והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה', אז אלישע האט זיך צובייזערט, האט געפעלט שמחה, האט מען געדארפט ממשיך זיין שמחה, דערפאר האט מען גענומען א מנגן ס'זאל אריינברענגען שמחה. איז דאך שווער א קשיא, פארוואס האט מען נישט גענוצט די עצה פון פקודי ה'

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא

בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הרה"ג ר' **יחזקאל אברהם זאב מענצער** שליט"א **מגי"ש בישיבה קטנה רעדהוק**

לרגל שמחת נישואי בנו החתן המופלג שלמה ארי' ני"ו מאריות שבחבורתנו הק' במתיבתא קרית פאפא

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שהזיווג יעלה יפה יפה, ויזכה לבנות בית מלא ברכת ה', ובמהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה וגו', בביאת בן דוד גואלנו, ונלכנו בראשנו בב"א.

**המכירים פעולתיך הנשגבות:** ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא

ישרים משמחי לב, דאס טוט דאך משמח זיין, פארוואס האט אלישע געדארפט די עצה פון כנגן המנגן.

זאגט דער הייליגער חתם סופר א ווארט, אז ס'איז פארהאנען איין מדריגה פון א איד, אז א איד זיצט און לערנט און ער פלאגט זיך מיט'ן לערנען, ער פלאגט זיך און ער פלאגט זיך, אבער ס'גייט נישט, ווייל שמעתא בעי צילותא, ס'איז שווער, מ'קען נישט אנקומען אזוי צו די הלכה, אזא איד איז זיך מצער, ער פלאגט זיך דערמיט און ס'גייט נישט, און אזא איד דארף האבן שמחה, ער דארף זיך מחזק זיין; ביי אים איז נישט דא די מדריגה פון פקודי ה' ישרים משמחי לב, און דער דארף א מנגן זיך צו משמח זיין.

אבער ס'איז פארהאנען א העכערע מדריגה, פון אזעלכע אידן וואס זענען אויסגעטון פון די וועלט, ביי זיי איז תורה אליינס משמח, דאס איז פקודי ה' ישרים משמחי לב, אז די ישרים, די העכערע בעלי מדרגה, פאר זיי איז די תורה משמחי לב. איז דאך דאס צוויי מדריגות, ממילא איז נישט קיין סתירה די פקודי ה' ישרים משמחי לב, מיט דעם וואס שטייט אין פסוק והיה כנגן המנגן.

דאס איז פשט אין מדרש אור זרוע לצדיק, אז הקב"ה האט אריינגעברענגט א אור פון תורה הק' וואס איז בבחינת זרוע, אבער אז מ'זייט אן דארף מען דאך אקערן אז די שמחה זאל ארויסקומען, און דא איז פארהאנען א באהאלטענע כח, אן אור זרוע לצדיק, וואס אסאך מאל פלאגט מען זיך דערויף. אבער ולישרי לב, די העכערע בעלי מדריגה פאר זיי איז דאס א שמחה אויך אן אקערן, זיי דארפן גארנישט טון דערצו, נאר וויבאלד זיי זענען אויסגעטון פון די וועלט, איז נישט שייך אזא זאך אז מ'זאל זיך מצער זיין פון די תורה, אתד"ק.

ס'איז ידוע אז דער **אגלי טל** האלט אז איינער וואס איז אים שווער א תוספות, און נאכדעם פארשטייט ער די תוספות, און ער האט א שמחה דערפון, הייסט דאס תורה לשמה.

עכ"פ, קומט אויס פון דעם חתם סופר אז זוכה זיין צו תורה לשמה קענען נאר די הויעכע בעלי מדריגה, די ישרי לב, זיי זענען זוכה צו שמחה. אבער סתם אידן מוזן זיך פלאגן צו זוכה זיין צו תורה, מ'מוז זיך פלאגן דורך דער ענין פון זריעה, אזויווי ביי זריעה פלאגט מען זיך ס'זאל וואקסן און ס'זאל קומען דערצו.

לכאורה וויאזוי טרעפן מיר זיך אין די מדריגה וואס שטייט אין חתם סופר אז פקודי ה' ישרים משמחי לב איז נאר פאר די ישרים?

## נעשה כמעיין המתגבר

די וואכעדיגע סדרה וואס מ'האט געליינט שבת (פ' חיי שרה) שטייט (בראשית כד, מב) ואבא היום על העין, ברענגט רש"י א מדרש מכאן שקפצה לו הארץ אמר רבי אחא יפה שיחתן של עבדי אבות, דארף מען פארשטיין די המשך ענינים.

זאגט אויף דעם **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** א ווארט (ד"ה ואבא היום א'), אז די משנה זאגט (אבות ו, א) כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה, ונעשה כמעין המתגבר וכנהר שאינו פוסק. זאגט דער ערוגת הבשם אז תורה איז דאך מגנא ומצלא בין בעידנא דעסיק בה ובין בעידנא דלא עסיק בה (סוטה כא.), די תורה טוט באגלייטן, און דאס מיינט מען נעשה כמעין המתגבר וכנהר שאינו פוסק, אז א מעיין וואס איז עומד איז נישט מטהר בזוחלין, דאס הייסט אז טאמער די וואסער רינט אוועק איז עס נישט מטהר נאר במקום נביעת המעיין, אבער א נהר שאינו

רוממתנו
א דערהויבענע פאפא איגל

בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, מרביץ תורה וחסידות לעדרי צאן, מראשי עסקני חצר קדשנו, ה"ה

הרב **אהרן צבי ברילל** שליט"א

**מנהל דת"ת צאן יוסף דחסידי פאפא בעיר מאנסי**

לרגל שמחת נישואי בנו החתן החשוב יצחק יוסף ני"ו מיקירי תלמידי ישיבתנו הק' במתיבתא קרית פאפא

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים בכבוד הראוי:** עסקני ארגון רוממתנו

פוסק איז יא מטהר בזוחלין, דאס מיינט וכנהר שאינו פוסק, אז אפילו ווען מ'גייט ארויס פון בית מדרש ברענגט דאס מיט די טהרה; דאס איז דער ענין פון 'כנהר שאינו פוסק'.

נעשה כמעיין המתגבר איז די כוונה, אז די הלכה איז דאך אז מ'קען מוסיף זיין צו די מעיין, סיי מי גשמים וואס איז נישט מטהר בזוחלין, און מ'קען אפילו מוסיף זיין מים שאובים, ווייל די גמרא זאגט דאך (תענית כה:) אין טפה יורדת מלמעלה אלא אם כן טפחיים עולים כנגדה, דהיינו אז די טבע איז, אז ווען איין טראפ קומט פון די הייעך אויף אראפ, גייט קעגן דעם טפחיים פון אונטן, און אויב אזוי איז עס נישט קיין מי גשמים אדער שאובים. אבער שיטת הרמב"ם איז, אז נאר ווען מ'איז מוסיף די שאובים בגומת המעיין אין די מקור פון די מעיין, נאר דעמאלטס איז דא די הלכה אז מ'קען מוסיף זיין צו די מעיין. דאס איז מרמז אויף די אתערותא דלתתא, אז מ'געבט פאר א איד א טראפ פון די תורה הקדושה ווערט דאס ביי אים מער אויפגעבויט, און שיטת הרמב"ם איז דאך אז דאס איז נאר ביי די מקור המים.

דאס איז געווען דער ענין דא ביי אליעזר עבד אברהם, ווייל דער זיווג וואס פון דעם איז דאך ארויסגעקומען יעקב איז געווען א הכנה צו תורה, ממילא האט אליעזר געזאגט ואבא היום אל העין, 'עין' מיינט מען די מקור פון די מים; אליעזר האט מרגיש געווען וויבאלד ער איז 'יצא מכלל ארור ונכנס לכלל ברוך', האט ער דערגרייכט דעם 'עין', די מקור פון די קדושה, און דערפאר האט געקענט זיין פאר אים דעם 'קפצה לו הארץ' וואס איז אויך מרמז אויף אתרעותא דלתתא, אתד"ק.

בדרך משל קען מען מסביר זיין דער ענין פון מעיין המתגבר במקור המים, אז א מענטש זוכט א טייערע זאך, ער זוכט גאלד אדער דיימאנטן, און ער הייבט אן צו זוכן אבער ער טרעפט נישט, גראבט מען נאך טיפער און נאך טיפער און אזוי וועט מען דאס טרעפן.

## אנא נפשי כתבית יהבית

ס'איז דא נאך א ווארט פונעם **ערוגת הבשם** פרשת ויצא (ד"ה וייקץ יעקב), אז ס'שטייט אין פסוק (בראשית כח, טז) וייקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי. זאגט דער ערוגת הבשם אז אין די גמרא שטייט (שבת קה.) מנין ללשון נוטריקון מן התורה, ס'שטייט אנכ"י, וואס איז נוטריקון א'נא נ'פשי כ'תיבת י'הבית. לכאורה וואס איז פשט דא, וואו זע איך אין דעם א נוטריקון? אין הכי נמי ווייל ס'איז דא א נוטריקון דרש'נט מען פון 'אנכי' אז אנא נפשי כתיבת יהבית, אבער וואו איז די ראיה אז מ'קען עס בכלל דרש'נען?

נאר דער פשט איז, אז **הרה"ק דער ראפשיצער רב זי"ע** איז מסביר דער ענין פון אנא נפשי כתבית יהבית, אז דער סדר איז, אז ווען איינער ברענגט א שליחות פון איינעם בעל פה, זאגט ער אז 'יענער' האט געזאגט, אבער ווען איינער שיקט א בריוו, נישט קיין נפקא מינא ווי ווייט די בריוו זאל גיין, ס'קען זיין אפילו זייער ווייט, רעדט ער צו אים בלשון נוכח, צווישן איך און דו, אזוי ווען ער וואלט ווען געשטאנען פאר אים. קומט אויס פון די ווערטער פון ראפשיצער רב, אז פון דעם ענין פון אנא נפשי כתבית יהבית זעט מען אז אפילו ווען מ'איז זייער ווייט און מ'איז עוסק בעניני עולם הזה קען מען טרעפן אין דעם עבודת ה'


ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי מזכה את הרבים, מרביץ תורה וחסידות להתלמידים היקרים, ממצדיקי הרבים ככוכבים, שיחו נאה ואמרותיו נעימים, ברוחו פי שנים, תורה ויראת שמים, שמו הטוב נודע בשערים, איש החינוך ונשוא הפנים, ה"ה

הרה"ג ר' **יחזקאל אברהם זאב מענצער** שליט"א **מגיד שיעור נפלא בישיבתנו הק'**

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו בנישואי בנו למזל טוב החתן החשוב שלמה לייב נ"י מאריות שבחבורתנו הק' במתיבתא קרית פאפא

ברכת מזל טוב לכבוד אביו הרה"ח **אליעזר דוד מענצער** הי"ו ולכבוד חותנו הרה"ח ר' **נפתלי צבי העכיל** הי"ו

**ובעת כזאת רצונינו להביע מקצת דמקצת מהרגשותינו מול המגיד שיעור שליט"א המשים כוחות עצומות בדמים תרתי משמע למען הצלחת כל אחד ואחד, ומסור ונתון לכל תלמיד ותלמיד בנאמנות יתירה, בכל עת ועונה במסירות רבה עד להפליא, שכל אחד יתגדל לאילנא רברבא, כפי אוות נפשו הטהור של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויזכה להמשיך להאיר עיני ישראל המחכים לו מתוך הרחבת הדעת, עושר ואושר ירוצו אחריו כל ימי חייו, עדי נזכה לקול ששון וקול שמחה בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

**המברכים בלב מלא הכרה ותודה:** תלמידי שיעור א' בישיבה קטנה רעדהוק

וויבאלד מלא כל הארץ כבודו. דאס זעט מען אין די פסוק וואס די גמרא ברענגט אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, וואס דארט איז געווען מקום ערות הארץ, און נאכאלץ קען מען דארט טרעפן דעם 'אנכי'.

דאס איז דער ענין אין פרשת ויצא וואס יעקב אבינו גע'חלומ'ט סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה (כח, יב). יעקב אבינו איז געזעסן און געלערנט י"ד שנים בבית עבר, און ווען ער איז ארויסגעקומען פון דארט האט ער געזען אז מ'איז עוסק בעניני עולם הזה, האט ער געהאט א קשיא: "מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה? וויאזוי קען דאס זיין?!" דערפאר 'וילך חרנה', איז ער בייז געווארן, האט מען אים געוויזן סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, אז מ'קען עוסק זיין אין ארציות און אויפטון לעבודת ה', ממילא דער ענין אז מ'קען עוסק זיין אין ארציות, דאס איז א ראיה צו די בחינה פון אנא נפשי כתבית יהבית.

דאס האט יעקב אבינו דא מרגיש געווען דורך די בחינה וואס מ'האט אים געוויזן דעם סולם מוצב ארצה, וואס דאס איז מרמז אויף בכל דרכיך דעהו. מתחלה איז געווען 'יהב דעתיה למיהדר', ווייל ס'האט אים פארדאסן אז מענטשן זענען מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה, דערפאר האט ער געוואלט צוריקגיין זיך זעצן לערנען, האט מען אים געוויזן פון הימל אז ס'גייט נישט אזוי, מ'האט אים געוויזן אין חלום אז סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, האט יעקב געזאגט מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים, ואנכ"י לא ידעתי, אז ביז יעצט האב איך נישט געוואוסט דער ענין וואס איז מרומז אין 'אנכי' אז אנא נפשי כתבית יהבית, וואס איז מרמז אז מ'קען אויסנוצן יעדע ענין לעבודת ה', אתד"ק.

### במעלת מפעל הלימוד והגית

כלפי מה דברים אמורים. מורי ורבותי! אונז האבן זייער שטארק דער ענין פון דעם מעיין דעם טיפן קוואל וואס קוועלט ארויס מים חיים היוצא מבית פון די הייליגע שטובער פון אונזערע עלטערן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען; דאס גייט זייער זייער ווייט! דאס איז א בחינה פון אנא נפשי כתבית יהבית!

אויב אונז ווילן זיך אנשטרענגען מיט די אלע כוחות פון די רבים, ווילן מיר קענען דורכדעם זוכה זיין אז אפילו אונז זענען נישט צווישן די ישרים, אזוויי דער חתם סופר זאגט ולישרי לב שמחה אז נאר ביי זיי איז דא די פקודי ה' ישרים משמחי לב, אבער דורכדעם וואס אונז האבן דעם כח הרבים קען מען יא זוכה זיין דערצו.

וואס מיינט מען דא ארויסצוברענגען? אונז האבן דעם סדר 'והגית' וואס ר' שלמה [וועבער] האט דאך אזא זכיה דערצו; וואס האט והגית אויפגעטון? והגית האט אויפגעטון אז ווען א איד קומט אריין אין בית המדרש לערנען, קומט ער נישט אריין מיט א מחשבה: "עה, איך מוז גיין לערנען, ס'שטייט אין שולחן ערוך אז מ'מוז"; והגית האט אויפגעטון אז 'ניין'! "איך מוז נישט גיין לערנען, איך וויל גיין לערנען!" ס'ברענגט אריין א חשק און א שמחה, וואס אן דעם גייט עס אודאי נישט.

אודאי און אודאי אז מ'נעמט בחינות, ברענגט דאך דאס אריין א געוואלדיגע חשק, דאס ווייזט דאך אז מ'פארשטייט, מ'וויל זיך נישט אליינס פאפן, מ'וויל נישט עוסק זיין במלאכת ה' ברמיה,


מעומק הלב נברך בזה ברכת מזל טוב לכבוד האי ארי שבחבורה, עוסק בתורה בשקידה נפלאה, שמועתו נאה,
עושה פרי תבואה, תורה וחסידות בו צמודים יחד, כמעיין המתגבר משפיע לנו מבאר החיים של רבותינו הק',
אשרי השומעים בכל עת אמרתו, עובד עבודתו בקודש במסירות נפלאה, מאיר פנים לכל אדם, ה"ה

**הרה"ח ר' אליעזר עקיבא גאלדבערגער שליט"א**

**ראש החבורה במסגרת 'ארגון החבורות' דחסידי פאפא**

לרגל הולדת בנו למזל טוב

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך עם פעלים וחיילים לתורה וחסידות, להשפיע תורה וחסידות מבארם של רבותינו הק', עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים ברגשי גיל והוד:**

**חברי החבורה תלמידי שיעור א' בישיבה קטנה**

אז מ'איז דורכגעגאנגען די גמרא און פארטיג, און ס'איז נישט קיין חילוק צי כ'האב עס יא פארשטאנען צי כ'האב עס נישט פארשטאנען; דורכדעם וואס מ'נעמט די בחינות, טוט מען אויף מיט דעם כח הרבים, און מיט'ן כח הרבים וואס גייט מיט אזא שמחה און מיט אזא מין חשק, קומט מען אן צו די מדריגה פון 'ולישרי לב שמחה'.

אויב דאס גייט אזוי, קומען שוין צו נאכדעם די אלע השפעות טובות, די שטובער ווערן איבערגעדרייט, וויאזוי ווערן די שטובער איבערגעדרייט? דורכדעם וואס מ'זעט אז דער עולם גייט מיט א שמחה אז מ'דארף נעמען די בחינות, און נישט אז מ'מאכט די בחינות ווייל כ'האב נישט קיין ברירה מיט ר' שלמה... אדער ווייל כ'וויל באקומען אפאר דאללאר; ניין! דאס איז נישט די זאך! איך טו עס ווייל איך וויל עס האבן! ווייל איך דארף דאס האבן! ווייל אז נישט פאפ איך מיר אליינס אין די לערנען, און איך וויל מיר נישט נארן, איך וויל מיר נישט פאפן, איך וויל אמת'דיג פארשטיין וואס איז פשט אין די גמרא.

דאס איז א געוואלדיגע געוואלדיגע כח, וואס דאס וועט אונז ברענגען אלע השפעות טובות, און דאס מיינט מען (אבות ה, כב) הפך בה והפך בה דכלא בה.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מיר זוכה זיין אהיימצוברענגען טאקע די אלע השפעות טובות וואס קומען ארויס פון דעם, און די אלע ישועות וואס קומען פון דעם.

מ'זאל זוכה זיין כשם שזכינו לסיים כמה מסכתות, וועלן מיר זוכה זיין צו מסיים זיין נאך מסכתות, און דורכדעם זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו, און ס'זאל זיין א כבוד פאר אונזער גאנצע ציבור און פאר די גאנצע חברייא, און אונז זאלן זוכה זיין ווייטער צו די תפלה פון ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וכו', אונז בעטן טאקע די תפלה, אבער אונז דארפן אויך ארויסווייזן פאר די קומענדיגע דורות די שמחת התורה, די חשיבות פון תורה, די כבוד התורה, די חשיבות פון דעם, און דורכדעם קען מען זוכה זיין צו די השפעות טובות פון אונזערע עלטערן וואס זענען בעולמות העליונים.

מיר וועלן שוין זוכה זיין בקרוב צו גיין קעגן משיח, 'כי היא לנו עוז ואורה', קען מען זאגן אז תורה ברענגט צו מקרב זיין משיח צדקנו, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ישועת כל ישראל און צו גאולה שלימה בב"א.

*

# ברכת הקודש

**אחר מעמד החופה בנשואי נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בת חדב"ן הרה"צ רבי ברוך רובין שליט"א עם פרע"ח הרב שלום יוסף יושע פריעד שליט"א**

יום ד' כי ויצא תשפ"ה לפ"ק

## תפלת אבות על הבנים

ואנו תפלה, אז מיר זאלן זוכה זיין אז די אלע צעבראכענע הערצער זאלן אויפגעראכטן ווערן, אזוי ווי מיר גלייבן דאך אים וואס ס'שטייט אין די הייליגע ספרים, אז די אלע נשמות פון די עלטערן פון חתן כלה קומען אראפ און זענען זיך דא משתתף, זיי

# תלמוד תורה קהלת יעקב פאפא

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

ברוב שיר ושבח הנני לאחל בזה ברכת מזל טוב מעומקא דלבא, לכבוד הני תרי צנתרא דדהבא, המחותנים החשובים הנודעים לשם ולתהלה, לרגל השמחה הגדול השרויה במעונם

שמחת נישואין של החתן משה ישראל דוב כ"ץ הי"ו מאריות שבחבורתנו במתיבתא קרית פאפא

בן המחנך הנפלא, רוח החיים, יראתו קודמת לחכמתו, מרביץ תורה וחסידות במדה גדושה לילדי צאן קדשים, ומכניס בלבם אמונה טהורה, ידו נטויה לכל דבר טוב, ובמיוחד לכל קדשי בית תפארתנו, ה"ה

העסקן והמחנך הרב **יואל כ"ץ** הי"ו

עם הכלה תחי' בת מחותנו החשוב, עוסק בעבודת הקודש במסירות נפלאה לחנך דור הבא בדרך ישראל סבא וברוח רבותינו הק', ידו נטויה לכל דבר טוב, מי כמוהו חכם לבב, וכל מעשהו באמונה, ה"ה

הרב **שלמה זלמן אבערלאנדער** הי"ו חבר הנהלת הת"ת

ויהא רעווא מן קדם אבוהון דבשמיא, שיתברכו כולם בכל הברכות האמורות בתורה, ותמיד ישמע בגבוליהם רק ששון ושמחה, אך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם עד זקנה ושיבה טובה, ובקרוב נעלה לציון ברנה, עם מלכנו בראשנו בב"א.

המברך ברגשי הכרת הטוב: **יעקב שמואל קריצלער** מנהל דת"ת

ג"א מצטרפים: **כל המלמדים**

ווייסן גאנץ גוט וואס עס פעלט אונז בגשמיות וברוחניות ובכל הענינים.

בעטן מיר אז זיי זאלן אויך צוהעלפן צו דעם אז מיר זאלן זוכה זיין צו כל מיני ישועות און צו כל מיני השפעות טובות, זיי האבן דאך אויך געבעטן ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך, זענען דאך אונז נכלל און אונז האפן צו זיין נכלל אין דעם תפלה.

זאלן מיר זוכה זיין געזונטערהייט צו דינען דעם אויבערשטן, מיט געזונטע גופים און מיט געזונטע נשמות, און ווייטער ממשיך זיין דורות ישרים לכבוד שמו יתברך, נערים עם זקנים, זאלן מיר זוכה זיין בקרוב גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

*

# דברות קודש

**בעת מעמד המצוה טאנץ**
**לפני הריקודין קדישין**

## תפלות בתוך הריקודים

צדיקים האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין די ריקודים, און מ'קען דאך זאגן ענינים אין די ריקודים.

**כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע** זאגט (תורות לשמחת תורה אות ה') אז שמחת תורה ביי די ריקודים פאקט מען איין סחורה וואס מ'דארף דורכשווערצן, די שווערצער'ס פאקן איין די סחורה וואס מ'לאזט נישט דורך אין אזעלכע סחורה'ס וואס מ'לאזט יא דורך, וועגן דעם לויבט מען דעם אויבערשטן מיט ריקודים, און אינמיטן ברענגט מען אריין תפלות 'אנא ה' הושיעה נא', אתד"ק

די הייליגע חכמים האבן מתקן געווען אז ביים דאווענען קומט קודם פסוקי דזמרה שירות ותשבחות, טייטשן ספרים אז 'זמרה' מיינט מען פארשניידן, אז מ'טוט מיט דעם פארשניידן די אלע כוחות וואס לאזן נישט צו תפלות פון אידישע קינדער.

קומט אויס לפי זה, ערשטנס אז אויב ס'איז דא אזעלכע וואס שטערן חס וחלילה תפלות פון אידישע קינדער, העלפט די שירות ותשבחות אויף דעם, בפרט שירות ותשבחות וואס איז מיט א כח הרבים, דאס איז איין ענין פון די ריקודים.

## כח שמחה של הרבים

דער צווייטער ענין איז, אז שמחה געבט חיזוק, וואס מ'דארף אסאך חיזוק קעגן די אלע נסיונות, מ'דארף האבן חיזוק און כח, די נשמות פון אידישע קינדער דארפן אסאך חיזוק קעגן די גרויסע נסיונות, און די שמחה פון א רבים, אז א רבים כאפט זיך אן מיט שמחה, דאס טוט מחזק זיין די הערצער. אזוי ווי דער אור החיים הק' ברענגט (פ' וזאת הברכה ד"ה וזאת) אז ס'איז געווען דריי סיבות צו בענטשן אידישע קינדער[א].

אזא זמן רצון וואס ס'שטייט אין ספרים הק' אז ס'קומען אראפ פון אויבן אין הימל די גרויסע נשמות פון אויבן, און עליונים ותחתונים פרייען זיך, מ'געבט א שבח פאר'ן אויבערשטן, איז

**א.** לשו"ק: את בני ישראל שהם כלי מוכן לקבל הברכות מה שלא היה עד עתה, וצא ולמד שלא שרתה שכינה בכללותה אלא על בני ישראל כי נתקבצו כחות הקדושה שהם במספר ס' ריבוא.


**תלמוד תורה קהלת יעקב פאפא**
**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידנו החשוב, ממצדיקי הרבים ככוכבים, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו בנאמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה' וחושבי שמו, זקן ונשוא פנים, ה"ה

המחנך הותיק רבות בשנים

הרב **יעקב יצחק כ"ץ** שליט"א

**מרביץ תורה וחסידות לילדי חמד במדה גדושה**

לרגל שמחת נישואי נכדו החתן משה ישראל דוב כ"ץ הי"ו ממצוייני תלמידי מתיבתא קרית פאפא בן לבנו העסקן הר"ר יואל כ"ץ הי"ו

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברך מעומק הלב:** שלום יוסף פריעדמאן מנהל דת"ת

דאס א הכנה אז מיר זאלן זוכה זיין צו נהנה זיין פון די אלע השפעות טובות וואס קומען אראפ פון די גרויסע אבות, פון אונזערע עלטערן, און פון די עלטערן און זיידע'ס פון חתן כלה.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז אלע משתתפים צוזאמען זאלן זוכה זיין צו זיין א גרויסע כלי, וואס אזויפיל אידישע קינדער נעמען זיך צוזאם און פרייען זיך צוזאמען, הייבט מען אויף א גרויסע כלי בבחינת כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא (תהלים קטז, יג), כוס ישועות, א גרויסע כוס פון אזויפיל אידישע קינדער וואס פרייען זיך צוזאמען.

## והשיב לב אבות על בנים

האפן מיר מיט א תפלה צום אויבערשטן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו אפגעהיטן ווערן פון אלעס וואס מ'דארף זיין אפגעהיטן, ס'זאל נישט זיין חס ושלום קיין שום עגמת נפש, מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן מיט געזונטע גופים און געזונטע נשמות

זאל דער אויבערשטער העלפן אז נערים עם זקנים זאלן שוין זוכה זיין צוזאמען צו והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם (מלאכי ג, כד), סיי מיט אונז וואס אונז זענען דא אויף דעם עולם, און סיי מיט די גרויסע נשמות פון די עולמות העליונים, זאלן מיר זוכה זיין צו דינען דעם אויבערשטן מתוך שמחה, און מיר זאלן שוין גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

*

# דברות קודש

## אחר שמחת החתונה

## מנהג אחילת גוט שבת אצל חתונה

מנהג ישראל אז מ'וואונטשט גוט שבת, צדיקים האבן משפיע געווען די השפעות פון שבת קודש, זיי האבן ממשיך געווען די זמנים פון שבת קודש, פון דעם קומט דער מנהג אז מ'וואונטשט גוט שבת. ס'האט נאך אסאך טעמים דער מנהג, אבער מ'האפט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף אז ס'זאל נשפע ווערן די השפעות.

פון דעם וואס מ'האלט מנהגי ישראל קען קומען די השפעה, **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט געזאגט אז מנהגי ישראל איז תורה שבעל פה, זאל דער אויבערשטער העלפן אז ס'זאל זיין שמחות שטענדיג ביי אידישע קינדער.

**ואיחל מרן שליט"א 'גוט שבת' לכל הציבור.**


# תלמוד תורה צאן יוסף פאפא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בלב נרגש משגרים אנו בזה ברכת מזל טוב מעומק הלב, לכבוד האי איש אשר רוח בו, חסיד ועניו, מושלם בכל ענייניו, מים חיים נשאבים מפיו, ממצדיקי הרבים ככוכבים, אהוב ונחמד לכל, מהלך לפי רוחו של כל אחד ואחד, כולם הולכים לאורו, עוסק בכל לב ונפש להכניס תורה, יראת שמים, חסידות, ומדות טובות, בקרב לבבות ילדי חסידי פאפא תלמידי מוסדותינו הק', וממלא בזה שליחות קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א להכין את הדור הצעיר שיהיו ראוים לקבל פני משיח צדקנו, ה"ה

## הרב **אהרן צבי ברילל** שליט"א מנהל דת"ת

לרגל שמחת נישואי בנו יצחק יוסף הי"ו מאריות שבחבורתנו במתיבתא קרית פאפא יצ"ו עם בת העסקן הרה"ח ר' יוסף שפיטצער הי"ו

**כה יתן ה' וכה יוסיף אומץ וכח להמשיך בעבודת הקודש, ולראות רוב נחת דקדושה אצל כל יו"ח!**

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, כה יתן ה' וכה יוסי"ף שיזכה להמשיך להאיר עיני ישראל המחכים לו מתוך הרחבת הדעת, עושר ואושר ירוצו אחריו כל ימי חייו, עדי נזכה לקול ששון וקול שמחה בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

## המברכים לעומתו המלמדים החונים תחת דגלו

אליעזר זוסמאן שמעלצער, דוד גרינוואלד, ישראל אברהם כהנא, יוסף דייטש, ישראל יעקב ווייכברויט, דוב שימון, אפרים וועבער, יונה קאהן, משה דוד קליין, טובי' דאסקאלאוויטש, פנחס שפיצער, יעקב יחזקי' גרינוואלד, מנחם מענדל מארק, אשר זעליג גאנצפריעד, ברוך בער מאריס, לוי יצחק מענצער, נחמן כהנא, משה קאלמאן יצחק משה גאלדבערגער, יושע יוסף מיללער, יעקב לייב פאשקעס, משה ראזענבערג, אלימלך צבי מאיר אייזיקאוויטש

**ג"א מצטרף:** יחיאל דייטש, סגן מנהל

# תלמוד תורה קהלת יעקב פאפא

**בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**

בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידנו החשוב, ממצדיקי הרבים ככוכבים, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו בנאמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה׳ וחושבי שמו, ה״ה

## הר״ר **שלמה זלמן אבערלאנדער** הי״ו

**חבר הנהלת הת״ת**

לרגל שמחת נישואי בתו עם החתן משה ישראל דוב כ״ץ הי״ו ממצוייני
תלמידי מתיבתא קרית פאפא בן העסקן הר״ר יואל כ״ץ הי״ו

יברכו השי״ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

---

בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידנו החשוב, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו בנאמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה׳ וחושבי שמו, ה״ה

## הר״ר **לוי יצחק אבערלאנדער** הי״ו

**חבר הנהלת המוסדות**

לרגל שמחת אירוסי בתו עם החתן יצחק מענצער הי״ה ממצוייני תלמידי
מתיבתא קרית פאפא בן העסקן הר״ר יוסף מענצער הי״ו

יברכו השי״ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

---

בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידנו החשוב, ממצדיקי הרבים ככוכבים, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו בנאמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה׳ וחושבי שמו, ה״ה

## המחנך הרב **נחמן קאהן** שליט״א

**מרביץ תורה וחסידות לילדי חמד במדה גדושה**

לרגל שמחת אירוסי בתו עם החתן ירמי׳ לעווי הי״ו ממצוייני תלמידי
מתיבתא קרית פאפא בן הר״ר אלטיר ברוך מאיר לעווי הי״ו

יברכו השי״ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברך מעומק הלב: שלום יוסף פריעדמאן מנהל דת״ת**

# כולל 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## שמחו בה' וגילו צדיקים
## והרנינו כל ישרי לב

בחרדת קודש באנו בזה להביע רגשי לבבינו מול פני הקודש, אבינו רוענו, עטרת ראשנו ותפארתנו, נזר ישראל ותפארתו, בוצינא קדישא, עמוד האש ההולך לפני מחנה ישראל, רבן ומאורן של ישראל, הוד

# כבוד קדושת מרן
# אדמו"ר זי"ע שליט"א

לרגל השמחה במעון קדשו בנישואי הנכדה

בת לבנו יקירו, מרביץ תורה חסידות והוראה, משנתו זך ונקי, עומד במסירות רבה לימין קדשו של אביו הגדול כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בכל עניני הכלל והפרט, איש האשכולות, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, מסור בכל לב ונפש למען כל אחד ואחד מאנ"ש, ובמיוחד עינו ולבו הזהב למען הצלחת כל אברך ואברך בכוללנו, שמו המפורסם נודע בשערים, ה"ה

## כבוד מורינו הרה"צ **רבי**
## **לוי יצחק** שליט"א

**המשמש פאר כראש כוללנו**

עם החתן הרב **יושע כ"ץ** שליט"א בן הרה"ג ר' **ישכר דוב** שליט"א ר"מ בישיבת סערדאהעלי

**בן כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א**

וברכותינו צרופות בזה מול פני שוכן מעונה, שמשמחת בית צדיקים זו יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל, ויזכה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, והמעיין יתגבר תמיד ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המאחלים והמברכים בחרדת קודש**

## הנהלת הכולל | אברכי הכולל

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

### הוא היה אומר

## סיפר הרה"ח ר' **משה אבערלאנדער** ז"ל:

**פעם** ישבתי בביהמ"ד ערוגת הבשם צעהלים, ולמדתי את הקטע בספר הק' ערוגת הבשם פרשת וישב ד"ה ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם, שמאריך שם בדברי רש"י כל מה שהיה יכול לדבר היה מדבר, שיוסף הצדיק היה במדריגה נשגבה בקדושת הדיבור, ואם הרגיש שהוא יכול להוציא איזה דיבור מפיו הבין שהוא יכול לומר אותו דיבור, ואם לא היה הדיבור כראוי לא היה יכול כלל להוציאו מפיו.

**כך** ישבתי שם ולמדתי הקטע, ומתוך התרגשות הוצאתי הגה מפי כמו המתרגש מדבר, ובאותו רגע עבר שם **הגה"ק מצעהלים זצוק"ל**, ושאל אותי: "נו, וואס האסטו שוין געזען דארט?" הראיתי לו את הקטע מה שלמדתי, קרא הגה"ק מצעהלים ואמר: "דער טאטע, וואס ער האט נישט געהאלטן ביי דעם, האט ער נישט געשריבן!"[א]

*

### בניהם כל יודע מבין

## סיפר הרה"ח ר' **משה אבערלאנדער** ז"ל:

**פעם** בהיותי ילד קטן לקח אותי אבי הרה"ח ר' אליעזר ז"ל אצל **כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע** באחד מימי חנוכה, ומרן הויגד יעקב קיים אז המנהג לשחוק 'דריידל'. אני עמדתי שם בצד, והבחנתי שבכל פעם שמרן הויגד יעקב מסבב עם ה'דריידל' נופל ה'דריידל' על אות ג'... בהיותי ילד קטן עניתי ואמרתי לאבי בקול רם: "טאטע! דער רבי פאפט ארום"... משמשע מרן הויגד יעקב את דברי, הגיב בענוות קדשו: "דער יונגל איז א מבין אויף מיר"...

**מרן** הויגד יעקב חיבב מאוד אותי ואת אחי הרה"ח ר' מרדכי אהרן חיים ז"ל, מכיון שבביתנו היינו מורגלים לדבר בשפת 'אידיש', ולא כמו שהיה נפוץ אז לדבר בבית בשפת הגר, ומשכך היה מרן הויגד יעקב קורא אותנו: "די אידישע קינדער", וכמו כן היה קורא אותי בחביבות: "משה בן אסתר", ששמי הוא כשמו של מרן הערוגת הבשם זי"ע ושם אמו.

*

### ח' נרות חנוכה

## סיפר הרה"ח ר' **שמואל אפרים זלמן בערגער** ז"ל (פאפא - מאנטרעאל):

**כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע** חיבב מאוד את הילדים תינוקות של בית רבן, ובכל הזדמנות היה מראה להם חשיבות וחביבות, והיה מדבר עמהם בלשון בדיחותא כדי להראות להם חביבותו עליהם. פעם הגיע מרן הויגד יעקב לתלמוד תורה לבחון את הילדים, ובאמצע הבחינה שאל מרן הויגד יעקב בצחות: "אין בית המקדש איז די מנורה געווען מיט זיבן לעמפלעך, אויב אזוי פארוואס האבן אונזערע מנורות אכט לעמפלעך?" נענה אחד הילדים ואמר: "איינס פאר שבת חנוכה"... חייך מרן הויגד יעקב והמשיך לשאול: "אויב אזוי ווערט נאך שטערקער די קשיא,

---

**א.** מפי נכדו מוה"ר מנחם בר"ש אבערלאנדער הי"ו. ויש לציין שכן מרגלא בפומיה של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לדבר בשגב קדושת מרן הערוגת הבשם זי"ע, שהיה במדריגה זו שכל מה שכתב בספרו היה הוא עצמו במדריגה זו.

אז מ׳דארף דאך האבן ניין לעמפלעך, איינס פאר זכור און איינס פאר שמור״...

*

אוזן שומעת

## סיפר מוה״ר **מאיר צבי** (בר״א) **גרינוואלד** הי״ו:

**זכיתי** להיות כמה שנים כותב התורות אצל **כ״ק מרן זצוק״ל**. פעם כשנכנסתי אל הקודש עם מחברת מהתורות משך כל לילי חנוכה, נהנה מרן ז״ל מאוד ושאל אותי בקורת רוח: ״וויאזוי געדענקסטו אזוי גוט די תורות?״ אמרתי שכהיום יש מקליטים ויכולים לחזור ולשמוע אחר כך כל התורה על כלי המקליט, אמר מרן ז״ל בצחות: ״ס׳איז א גוטע זאך אז מ׳קען איבערהערן, אבער אסאך מאל זאגט מען אזעלכע זאכן וואס מ׳וויל נישט אז מ׳זאל קענען איבערהערן״...

*

גניבת דברי תורה

**כשהבאתי** בפעם ראשונה **לכ״ק מרן זצוק״ל** מחברת של התורות של כל השנה, אמר לי מרן ז״ל בבדיחותא: ״יעצט וועל איך שוין נישט קענען זאגן די תורות פון פאריאר״...

**וסיפר** מרן ז״ל מילתא דבדיחותא מה שסיפר **כ״ק מרן הקרן לדוד זי״ע**, שבאיזה עיר היה שם רב מוצלח עם לשון לימודים, ופעם התחילו הנשים לרנן אחריו שהרב גונב את דרשותיו מספר צאינה וראינה... משיצא הקול אצל אנשי העיר ותהום כל העיר, והתיישבו בדעתם לשלוח את הראש הקהל לביתו של הרב, והוא יברר אם אמת נכון הדבר.

**עוד** לא הגיע הראש הקהל לביתו של הרב, והרב כבר שמע מה שהנשים מרננים עליו, ומשכך נטל את הספר צאינה וראינה ועיין בו כדי לידע מה שלא לומר עוד, כדי שלא יאמרו עליו שדרשותיו הם מצאינה וראינה... בו באותו זמן נכנס הראש הקהל לביתו של הרב ותפס את הרב כשיושב ומעיין בצאינה וראינה, ואמר בשמחה: ״מ׳האט געכאפט דעם רב ביי די מעשה״...

*

חביבות הנגינה

## סיפר הרה״ח ר׳ **אברהם אליעזר פייפער** ז״ל:

**זכיתי** להיות מן המשוררים בימי חנוכה אצל **כ״ק מרן זצוק״ל** עוד מימי בחרותי. פעם בימי בחרותי באחד מימי חנוכה קרא אותי מרן ז״ל והביע לי תודה על עבודתי, והוסיף לי: ״אלס בחור האב איך אויך ליב געהאט צו זינגען״, והמשיך מרן ז״ל: ״מארגן זאלסטו אריינקומען צו מיר, און איך וועל דיר אויסלערנען א ניגון אויף על הנסים״.

*

בתוך עמי אנכי יושבת

## סיפר מוה״ר **משה שמואל דייטש** הי״ו:

**לפני** ימי החנוכה שנת תשל״א לפ״ק שהה **כ״ק מרן זצוק״ל** בעיר הנופש סיגעיט לצורך בריאות גופו הטהור, וזכיתי לשמש שם בקודש לפני ולפנים. בליל א׳ דחנוכה נסע מרן ז״ל לעיר וויליאמסבורג לערוך את הדלקת הנרות ברוב עם, וכשחזר לסיגעיט, אמר לי מרן ז״ל בזה הלשון: ״דאס אליין וואס כ׳האב געקענט זען די פיר ווענט פון מיין שטוב, דאס אליין האט מיר געגעבן א חיות, און ס׳איז אן באזונדערע חסד פון באשעפער ית״ש וואס כ׳האב געקענט זיין צווישן דעם עולם״.

מבקשים אנו מאנ״ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק׳ ויבלחט״א כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי״ו על הקו המיוחד 5548-450(646)


**כל הזכיות שמורות ל׳מערכת פאפא׳**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

**אריינצולייגן אייער מודעה אדער ׳מזל טוב׳ פארבינדט אייך אויף:**

**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג